(מנחם מענדל לעפִּין/ סאַטאַנאָווער)

**[1]**

**ספר קהלת שלמה**

עם פירוש קצר והעתקה חדשה בלשון אשכנז לתועלת אחינו בית ישראל

בארצות פולין.

בשנת **ה'תקע"ט** לפ"ק

**[2]**

**א (א)** דָאָס זֶענִין דִיא וֶוערְטִיר קֹהֶלֶת'ס דָוִידְ"ס זוּן מֶלֶךְ אוּן יְרוּשָׁלַיִם.

**(ב)** הֲבל הֲבָלִים פְּלֶעגְט קֹהֶלֶת צוּ זָאגִין, הֲבל הֲבָלִים אַלְדוּנְג אִיז הֶבֶל.

**(ג)** וָואס קוּמְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דְרוֹיס מִיט אַלִי זַיינע הָאָרִיבַאנִיעַ, וָואס עֶר

דֶער הָארִיבִּיט זִיךְ נָאר אוּנְטִר דֶער זוּן.

**(ד)** אֵיין דוֹר גֵייט פַּאר בַּיְיא, אוּן אַנַאַנדר דוֹר קוּמְט ווידר אוּף נָאָר דיא

עֶרְד בְּלַייבְּט אַזוֹ אֵייבִּיג שְׁטֵיין.

**(ה)** גֵייט וִוידְר אוֹף דִיא זוּן, פַּאַר גֵייט וִוידְר דִיא זוּן, אַלְץ וִוידְר אִין אִיר

רוּא אַרַיְין, זוּא שַׁיינְט זוּא שְׁנַאַפְּט נָאר אַהִין.

**(ו)** עֶר גֵייט קֵיין דָרוֹם, אוּן דְרֵייט זִיךְ אוֹיס קֵיין צָפוֹן, אַרוּם אִין אַרוּם

גֵייט אוֹיס דֶער ווִינְט, אִין אַזוֹ קוּמְט אָבִיר אַמָאָהל אוֹיס דֶער ווֶינְט דֶער אֵייגְנִיר.

**(ז)** אַלוּ טַיְיכִין גֵייעֶן אִין יַם אַרַיְין, אוּן דֶער יַם גֵייט נָאךְ אִילְץ נִישְׁט אִיבּוּר, ווִאוּהִין דִיא טַיְיכִין

**[3]**

גֵייעִן פַֿאר שְׁטֵייא דוֹרְטִין אַרוּם גֵייעְן זֵייא טַאקוּ ווִידִיר צוּרִיק.

**(ח)** אַלוּ זַאכְן מַאֲטִירְן זִיךְ נָאר עֶס קֶען קֵיין מֶענְטְשׁ גָאר נִישְׁט אַלְץ אוֹיס רֵיידְן, קֵיין אוֹג קֶעֶן זִיךְ דְרָאן נִישְׁט זַאט אָן קוּקְן, אִין קֵיין אוֹעֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גְנוּג פִּיל אָנְהֶערְן.

**(ט)** ווָאס אַמָאהל אִיז גִיוֶועזִין דָאס אֵייגְנְע ווֶעט טַאקוּ ווִידְר זַיין אוּן ווָאס עֶס פְלֶעגְט זיך צוּ טָאן דָאס ווֶעט זִיךְ ווִידְר אַלוּ מָאהל טוּעֶן, סִיז גָאר אִילְץ קיין נָאווִינְע נִישְׁט אוּנְטִר דֶער זֵן.

**(י)** אָפּט מָאל ווֶעט זִיךְ אַזַאךְ מִיט גֶעבִין ווָאס מִזָאגְט אָ ווַאה אָ דָאס אִישׁוֹן יוֹא שְׁפָּאגִיל נַייא, סִי לֹא הָיָה סִישׁוֹן אַמָאָהל אַזוֹ אוֹךְ גִווֶען פַֿאר צַיְיטִנְס אֵיי מִיר זֶענִין נָאךְ אֶפְשַׁר גָאר אִי אוֹף דֶער ווֶעלט גִווֶעֶן.

**(יא)** עֶס גְדעֶנְקט זִיךְ שׁוֹין צוּנְד נִישְׁט אָנְדעֶם וָואס אַמאָהל פְּרִיר אִיז גְוועֶן, אָבִר אָן דִיא שְׁפֶּעטֵרִי זַאכִין וָואס וֶועלִין זִיךְ עֶרְשְׁט טוּן, וֵועט מִן נָאך שְׁפֶּעטר אוֹך אָן זֵייא פַאר גֶעסִין.

**(יב)** אִיךְ קֹהֶלת בִּין דָאס גְווֶעזִן, מֶלך אִיבּוּר דִיא יוּדִין אִין יְרוּשָׁלַיִם.

**(יג)** אִיךְ הָאבּ מִיר צוּם הַארְצִין גִינוּמִן נָאךְ צוּ שְׁפִּירִין אִין נָאךְ צוּ קֵלעֶרִן מִיטִן שֶׂכֶל, אִיבּוּר אַלוּמעֶן, וָואס פַּאר לוֹפְט זִיךְ נָאר אוּנְטֶרן הִימְל סִיז אוֹךְ אַשְׁלִימַאזְל הָאָטִיס [גָ]אט[1] אָנְגְגֶעבִּין דִיא מֶענְטְשִׁן קִינְדִר זִיךְ צוּ מָרָאטְשִׁן דֶרִיבּר.

**(יד)** חָאָבּ אֲכְטוּנְג גְגֶעבִּן אוֹף אַלִי אִינטֶערֶעסִיס וָואס טוּעְן זִיךְ נָאר אִיבּוּר אוּנְטֶער דֶער זֵן, צוּם שְׁפִּיץ אִיז אֲלדוּנְג אֲהֵבל אוּן אַנְאוּמִזִיסְטִר קְלָאָפִּט.

**(טו)** וָואס אִישׁוֹן קַאלִי גְמַאכְט קֶעֶן

**[4]**

מֶען שׁוֹן נִישְׁט פַּאַרֶעחְטִן, אִין וָואס גֵייט אָפּ קֶען מֶען נִישְׁט דֶערלֵייגְן.

[1] אין כתבֿ־יד: הָאט

**(טז)** חָאמִיר טַאקִי אַלֵיין מִיט מִיר אַמָאהל דָאס הַארְץ אַזוֹ אוֹיס גְרֶעט נָא אָדְזשֵׁי הָאבִיךְ מִיךְ שׁוֹין אִי קְלוּגֶר אִי גֶעבִיטְר גְמַאחְט מֶעהר פוּן אַלִי וָואס הָאבִין פַר מִיר גִירָאנְדְזִיט אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין מַיין הַאַרְץ הָאטִיס אָנְגקוּקוּט חָכְמָה אִין גֶעבִיט שַׁאַפְט.

**(יז)** חָאמִיךְ אוֹיךְ דֶרוֹיף גְלַייְקְט צוּ פַר שְׁטֵיין זִיךְ אוֹיף חָכְמָה, אִין פַארשְׁטֵיין זִיךְ אוֹיף שְׁפִּיל וַואַרְג אִין נַאַרִישְׁקֵייט, חָאב אָבִר גְוָואר גִיוָוארִין אַז דָאס אִיז אוֹךְ אַנְאִימְזוּסְט קָאפ דֶרֵייאוּנִישׁ.

**(יח)** וָוארִין בַּייא צוּ פִיל חָכְמָה אִיז צוּ פִיל שֶׁוועֶר גֶמוּט, אִין וָואס מֶעהר פַאר שְׁטֵיין אִיז מֶעהֶר אַנְקסִין.